ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



ו' ניסן תשס"ה

פרשת מצורע

טייערע קינדער שלוחים,
א גוטן ערב שבת.
ערב פסח איז זייער א פארנומענע צייט אין יעדער אידישע
שטוב. אין געוויסע הייזער דורך אונזער היסטאריע, זיינען די
טעג פאר פסח געווען זייער ספעציעלע טעג, ווייל א צדיק איז
צו זיי געבארן געווארן. אין שטוב פון דער מאמע פון דער
רמב"ם, איז ערב פסח יאר ד' תתצ"ג געווען זייער א
צופרידענע צייט. ווייל א זון משה – שפעטער באוואוסט אלס
דער רמב"ם – איז געבארן געווארן. און י"א ניסן אין יאר
תרס"ב איז געווען א ספעציעלע טאג פאר רביצין חנה און
הרה"ג ר' לוי יצחק, ווייל א זוהן – אונזער נשיא – איז צו זיי
געבארן געווארן. אינצווישן אלע אונזערע צוגרייטונגען צו
פסח, נעמען חסידים די צייט טראכטן: וואס קען איך טאן אלס
א מתנה צו דער רבי לכבוד דעם יום הולדת? און בעיקר מיר
בעטן צו זיין צוזאמען מיט דער רבי דעם י"א ניסן אין
ירושלים!!

איידלה וועכטער

## דערציילט מיר א מעשה

י"א ניסן תשל"ב איז געווען דער רבי'ס 70 יום הולדת. לכבוד דעם יום הולדת האט דער רבי געבעטן א מתנה. דער רבי האט געבעטן אז מען זאל אנהויבן נאך 71 מוסדות!

ווען ער האט געהערט דער רבי'ס געבעט, האט הרב ברוך שלמה קונין שליח פון דער רבי אין קאליפורניא אנגענומען אויף זיך אנפאנגען צען נייע חב"ד הייזער אין קאליפורניא.

ביי א פארברענגען האט הרב קונין געברענגט א פאר גבירים צום רבי'ן. איינע פון די גבירים האט געברענגט א שליסל פון דעם נייען חב"ד הויז וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אויף 741 גיילי אוועניו (לעבן "יו–סי–על–איי"). ער האט געגעבן דעם שליסל צום רבי'ן - זיין בעל הבית.

דער רבי איז געווען זייער צופרידן צו באקומען אזא מתנה, און דער רבי האט גלייך געזאגט, "אויב דו גיסט מיר א שליסל, ווערט עס מיין שטוב. און אויב עס איז מיין שטוב, וויל איך אז די טירן זאלן זיין אפען 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, פאר יעדער וואס דארף!!"

און דערנאך האט דער רבי צוגעלייגט, "דאס וועט אנהויבן א נייע ענין. באלד וועלן זיין חב"ד הייזער איבערן גאנצע וועלט!!"

*ב"ה יעצט, מער ווי 30 יאר שפעטער זען מיר ווי די רייד פון דער רבי זיינען מקוים געווארן אין העכסטע ווערן! דעם יאר אויפן יום הולדת זאלן מיר טראכטן "וואס איז מיין מתנה צום רבי'ן?"*

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת מצורע

### מצות טבילה במקוה

ורחץ במים את כל בשרו. דאס איז די מצוה (ווי דער רמב"ם זאגט אין ספר המצוות) "לטבול במי מקוה", דאס מיינט, אז דורך דעם וואס מ'איז זיך טובל אין א מקוה ווערט מען טהור פון אלערליי טומאות.

דער רמב"ם איז מסביר - אין זיין גרויסן ספר, ספר היד, אין סוף פון הלכות מקוואות– אז אין דער מצוה איז פאראן א רמז, אז דער וואס וויל אז זיין נפש זאל זיין ריין פון שלעכטע מחשבות און "דיעות", איז באלד ווי ער באשליסט זיך צו אפשיידן פון זיי און טוט זיך אריין אין "מי הדעת הטהור" (אין די "וואסערן" פון ריינע דעת) -ווערט ער טהור.

דערפון האט מען אויך אן אפלערנונג פאר קינדער פון "צבאות השם":

בשעת מיר לעבן נאך אין גלות, צווישן ניט אידישע קינדער, אדער להבדיל צווישן אידישע קינדער וואס ווייסן נאך ניט וועגן אידישקייט, קען טרעפן חס ושלום אז מ'זאל ווערן באווירקט פון שלעכטע "דיעות", דיעות וועלכע געהערן ניט צום צד הטוב, "אין טוב אלא תורה".

איז די עצה דערצו - זיך "טובל" זיין אין די וואסערן פון מקוה, וואס דאס מיינט - די "וואסערן" פון תורה, ווי די חז"ל זאגן אז תורה ווערט צוגעגליכן צו "מים", וואס דערפאר איז דער שיעור פון א מקוה פערציק "סאה" פון וואסער, אנטקעגן די תורה וואס איז געגעבן געווארן אין פערציק טעג.

און אין אט די "וואסערן" פון תורה דארף מען זיך טובל זיין: "טבילה" מיינט אז מען דארף אריינגיין אינגאנצן אין די וואסער ביז אז די וואסערן דעקן איבער אים צו אינגאנצן, זיין גאנצן גוף ביז איבערן קאפ. די זעלבע זאך איז בנוגע צו תורה, אז מען דארף זיך אינגאנצן אריינטאן אין די "מי הדעת הטהור", ביז אז זיין גאנצע מציאות, דער שכל פון זיין קאפ, די געפילן פון הארץ, די הענט און פיס (מעשה) און אלע איבעריקע כחות זיינען צוגעדעקט מיט די ריינע און ליכטיקע "וואסערן" פון "תורה אור",

און דעמאלט ווערט א איד א "טהור" און איז זוכה צו קענען אריינקומען אין בית המקדש, אין דער גאולה האמיתית והשלימה.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער –שיחת אור לח' דחנוכה תשמ"ה)*

# דעם חסידישן לוח

## י"א ניסן



דער רבי'ס יום הולדת

"אין יאר תרס"ב איז געווען א גרויסע גזירה אנטקעגן אידן, און אין די טעג פאר פסח איז דער גזירה בטל געווארן" (שיחה פון דער פריערדיקע רבי פסח תרצ"ט).גלייך מיט דער רבי'ס געבורט האבן זיך אנגעהויבן די נסים און ישועות.

דער רבי איז געבארן געווארן אין שטאט ניקאלאיעוו און מען האט אים געגעבן א נאמען נאך זיין הייליקן עלטער זיידע דער רבי דער צמח צדק. נאך זיין געבורט, האט דער רבי רש"ב געשיקט זעקס טעלעגראמען צו הרה"ח ר' לוי יצחק מיט ברכות און מיט הוראות וויאזוי צו מחנך זיין דעם הייליקן קינד. גלייך האט מען געזעהן אז דאס רעדט זיך וועגן גאר א גרויסע נשמה. דער רבי רש"ב האט געבעטן אז יעדער מאל פאר רביצין חנה וועט געבן עסן פאר איר זוהן זאל זי וואשן אירע הענט, און ר' לוי יצחק האט איר געהייסן וואשן אויך איר זוהן'ס הענט (מסתמא איז דאס אויך געווען א הוראה פון דער רבי רש"ב).

איינמאל ווען דער רבי איז געווען נאר 2 און א האלב יאר אלט, האט ער ארויסגעקראכן פון זיין בעט און האט אנגעהויבן דאווענען מיט דער מנין וואס איז געווען אין זיין שטוב.

דער אהבת ישראל פון דער רבי האט מען געזעהן פון קינדווייז אן. איינמאל ווען דער רבי איז געווען 3 יאר אלט האט די משפחה געדארפט זיך באהאלטן מיט אנדערע אידן. אסאך פון די קינדער וואס זיינען געווען דארט האבן געוויינט, און דער רבי איז ארומגעגאנגען צו בארואיקן אלע קינדער.

ווען דער רבי איז געווען 9 יאר אלט האט זיין מלמד הרב שניאור זלמן ווילענקין געזאגט הרה"ח ר' לוי יצחק אז זיין זוהן איז שוין אריבערגעגאנגען אלע אנדערע קינדער און עס איז שוין ניטא קיין סיבה אים שיקן אין חדר. פון יעמאלט אן האט דער רבי געלערנט אין שטוב מיט זיין פריוואטע מלמד.

ווען דער רבי איז געווען ניין יאר אלט איז ער אמאל געגאנגען מיט זיין מאמע צו א פלאץ ביי די וואסער. פלוצלונג האט מען געהערט א טומל. א אינגל איז אריינגעפאלן אין וואסער און האט זיך כמעט דערטרונקן, אבער אדאנק אן אנדער קינד איז ער געראטעוועט געווארן. דער רביצין האט זיך ארומגעקוקט און געזעהן אז איר זוהן איז ניט לעבן איר. נאכדעם האט זי אויסגעפונען אז איר זוהן האט אריינגעשפרונגן אין וואסער און האט געראטעוועט דעם אנדערן קינד.

דאס זיינען אלע מעשה'ס פון דער רבי'ס ערשטע יארן. ווען דער רבי איז געווארן עלטער, האט מען נאכמער געזען זיין גרויסקייט.

דער רבי איז געווען דער פריערדיקע רבי'ס גרעסטע חסיד, און אין יאר תרפ"ט האט דער רבי חתונה געהאט מיט רביצין חי' מושקא - דער צווייטע טאכטער פון דער פריערדיקע רבי.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין אמעריקא כ"ח סיון תש"א, האט ער זיך גלייך אריינגעטאן מיט העלפן אלע מוסדות פון דער פריערדיקע רבי.

אין תשי"א, נאך די הסתלקות פון דער פריערדיקע רבי, האט דער רבי אפיציעל אנגענומען די נשיאות. יעצט איז געווען קלאר צו אלע די גרויסקייט פון דער רבי.

דער רבי'ס גאנצע לעבן פון ווען ער איז געווען אין חדר (ווי דער רבי האט אונז אליין דערציילט) און דורך זיין גאנצע נשיאות, איז געווען דער ענין פון גאולה. דערפאר פאסט פאר אונז אויף זיין יום הולדת אנצונעמען החלטות פון תורה ומצוות און דורך דעם "זעהן זיך מיטן רבי דא למטה.." מיט די גאולה האמיתית והשלימה!!

# די י"ב פסוקים

### לכבוד י"א ניסן לייגן מיר צו יעדער וואך אין חודש ניסן א חלק פון די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל מיט ביאורים (אהלי מנחם)

### חלק א'

**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**

*די תורה וואס משה האט אונז אנגעזאגט איז א ירושה פאר אידן.*



דער פסוק אונטערשטרייכט אז תורה איז א ירושה פאר אידן. דאס מיינט, אז דער פארבונד פון אידן מיט תורה איז ניט אפהענגיק אין דעם גייסטיקן צושטאנד פון אידן, נאר - יעדער איד, ווער ער זאל ניט זיין, באלאנגט צו אים דער גאנצע תורה, ווארום ירושה איז ניט אפהענגיק ווער דער יורש איז.

**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**

*הער צו ישראל, ג-ט אונזער ג-ט, איז אן איין איינציקער.*



דער פסוק אונטערשטרייכט די איינציקייט פון אויבערשטן און זיין הערשאפט איבער די גאנצע וועלט, ווי ס'איז אויך באוויזן אין די אותיות פון ווארט "אחד". א'– איינציקער: ח' - זיבן הימלען און ערד: ד'– פיר זייטן פון וועלט. דאס מיינט, אז דער אויבערשטער (דער אל"ף) איז דער איינציקער בעל-הבית און הערשער איבער דעם גאנצן וועלט (חי"ת און דל"ת).

(די וויכטיקייט פון די אויבענדערמאנטע צוויי פסוקים קען מען אויך זעהן פון דעם דין - אז גלייך ווי א קינד פאנגט אן צו ריידן דארף מען אים לערנען די דאזיקע צוויי פסוקים.)

**בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים**

*אין יעדער דור מוז א איד זעהן זיך ווי ער פערזענליך איז ארויס פון מצרים.*



דאס געדיינקן פון יציאת מצרים איז פון די סאמע יסודות פון אידישקייט, און דערוועקט דעם געפיל צום ג-טליכע אונטערטעניקייט און איבערגעגעבנקייט צום אויבערשטן אלס דאנק-אויסדרוק פאר זיין איצטיקע פערזענליכע פרייהייט.

## משיח'ז נאו!

דעם צייט פון גלות איז געגליכן צו דעם צייט פון טראגן, און די צייט פון גאולה צו א לידה- דעם געבורטס פון א קינד. לויט דעם קומט אויס אז דעם טאג פון גאולה וועט זיין א יום הולדת פאר אלע אידן!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י"א ניסן, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת מצורע

1. צו וואס איז צוגעגליכן די תורה? ______________________
2. וואס זאל א איד טאן זיך ראטעווען פון שלעכטע דיעות? ______________________
______________________
3. וועמענ'ס געבורט איז געווען ערב פסח? ______________________
4. ווען איז די געבורט פון גאנץ אידישן פאלק? ______________________
5. וואו איז דער רבי' געבארן געווארן? ______________________
6. ווער זיינען געווען זיינע הייליקע עלטערן? ______________ און ______________
7. וואס איז די ספעציעלע מתנה וואס יעדער איד האט בירושה פון ה'? ______
______________________
8. אין ווארט "אחד" פון שמע, צו וואס איז דער אות "ח" מרמז? ______________
9. וויאזוי העלפט עס אונז צו געדענקן יציאת מצרים? ______________________
______________________
10. וואס קענסטו טאן אלס א מתנה פאר דער רבי'ס יום הולדת? ______________
______________________

**די געווינער פון פרשת תזריע: ליבא פישער, 9**

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________

אי-מייל: ______________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org